## LESSON 16

### זעכצנטע לעקציע

# פֿילאָסאָפֿיע

אַ בחור האָט געדאַרפֿט חתונה האָבן, האָט ער געדאַרפֿט זיך באַקענען מיט דער כּלה. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער נאַר און ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען ער וועט גיין צו גאַסט צו דער כּלה, וועט ער ניט ווייסן וועגן וואָס צו רעדן. האָט זײַן טאַטע אויף אים רחמנות געהאַט און אים געגעבן אַן עצה: „ווען דו וועסט קומען צו דער כּלה, זאָלסטו אָנהייבן רעדן וועגן ליבע. נאָך דעם וועסטו רעדן וועגן משפּחה. צום סוף זאָלסטו רעדן וועגן פֿילאָסאָפֿיע".

האָט דאָס דער בחור גוט געדענקט. ער איז געקומען צו דער כּלה. אַלע זײַנען געזעסן בײַם טיש, חתן־כּלה און די מחותּנים. נאָך דעם זײַנען די מחותּנים אַרויסגעגאַנגען און האָבן געלאָזט דעם חתן און די כּלה אַליין. דער בחור האָט געוווּסט, אַז ער דאַרף רעדן וועגן ליבע, וועגן משפּחה און וועגן פֿילאָסאָפֿיע. פֿרעגט ער די כּלה: „איר האָט ליב לאָקשן?" זאָגט זי: „יאָ, פֿאַר וואָס זאָל איך ניט ליב האָבן קיין לאָקשן? ווער האָט פֿײַנט לאָקשן?" האָט ער שוין געענדיקט מיט ליבע. פֿרעגט ער ווײַטער: „איר האָט אַ ברודער?" ענטפֿערט די כּלה: „ניין, קיין ברודער האָב איך ניט." דאָס הייסט, אַז דער בחור האָט שוין גערעדט וועגן ליבע און וועגן משפּחה אויך, און ער דאַרף נאָך רעדן וועגן פֿילאָסאָפֿיע. פֿרעגט ער בײַ דער כּלה: „און אויב איר וואָלט געהאַט אַ ברודער, וואָלט ער ליב געהאַט לאָקשן?"

# פֿריִער מוז מען קענען

אין כעלעם איז געווען אַ טיפֿער טײַך. אין איין וואָך האָבן זיך דאָרטן דערטרונקען צוויי מענטשן בעת זיי האָבן זיך געבאָדן. ווען די כעלעמער ייִדן האָבן דאָס געהערט, האָבן זיי באַשלאָסן:

„דאָס טאָר מער ניט געשען. פֿון איצט אָן טאָר קיינער ניט אַרײַנגיין אין וואַסער, אויב ער קען ניט פֿריִער שווימען."

## זיבן מיט זיבן איז עלף

אַ כעלעמער ייִדענע איז אַ מאָל אַרײַנגעגאַנגען אין אַ קראָם און האָט געקויפֿט אַ הערינג און אַ לעבל ברויט. „וויפֿל קאָסט דאָס?" האָט זי געפֿרעגט דעם קרעמער.

„פֿערצן גראָשן," ענטפֿערט איר דער קרעמער.

„פֿאַר וואָס פֿערצן?" פֿרעגט די ייִדענע. „איך מיין, אַז עלף."

רעכנט דער קרעמער: דער הערינג קאָסט זיבן גראָשן און דאָס לעבל ברויט אויך זיבן גראָשן. איז צוזאַמען, דאַכט זיך, פֿערצן.

„איך ווייס ניט, ווי א י ר ציילט," זאָגט די ייִדענע, „נאָר איך בין זיכער, אַז זיבן מיט זיבן איז עלף."

„וואָס רעדט איר?"

„איך וועל אײַך באַלד דערקלערן, פֿון וואַנען איך ווייס, אַז זיבן מיט זיבן איז עלף. איך האָב געהאַט פֿיר קינדער, ווען מײַן מאַן איז געשטאָרבן. האָב איך ווידער חתונה געהאַט, און מײַן צווייטער מאַן האָט שוין געהאַט פֿיר קינדער פֿון זײַן ערשטער פֿרוי. נאָך דעם האָבן מיר געהאַט דרײַ קינדער צוזאַמען. דאָס הייסט, אַז יעדערער פֿון אונדז האָט געהאַט זיבן קינדער, און צוזאַמען האָבן מיר עלף. איצט גלייבט איר שוין?"

## שפּריכווערטער

עס ניט די לאָקשן פֿאַר שבת.

כאַפּ ניט די לאָקשן פֿאַר די פֿיש.

יעדער מענטש ווייסט, אַז ער וועט שטאַרבן, אָבער קיינער וויל עס ניט גלייבן.

## VOCABULARY

* אויב if
* אַרויס\|גיין (איז אַרויסגעגאַנגען) to go out
* אַרײַנ\|גיין (איז אַרײַנגעגאַנגען) to go in
* באָדן זיך (געבאָדן) to bathe
* דער בחור (ים) [BOKhER—BO'KhERIM] young man
* בעת [BEYS] while
* דאָס ברויט bread
* גלייבן to believe
* דער גראָשן (ס) small Polish coin
* דאַכט זיך it seems
* דאַרפֿן to be supposed to
* ער האָט געדאַרפֿט he was supposed to

• כע׳לעמער (*uninflected adjective*) inhabitant of Khelem; *in Yiddish folklore,* a proverbial fool
דער לאָקש (ן) noodle
• ליב האָבן to love; to like
• די ליבע love
דאָס לעבל loaf
אַ לעבל ברויט a loaf of bread
• מורא האָבן [MOYRE] to fear
דער מחותּן (ים) [MEKhUTN— MEKhUTO'NIM] (actual or prospective relation by marriage)
• דער נאַר (נאַראָנים) fool
• עלף eleven
ענדיקן to finish
• די עצה (—ות) [EYTSE— -S] piece of advice
• פֿײַנט האָבן to dislike; to hate
די פֿילאָסאָפֿיע philosophy
• דער פֿיש (—) fish
• פֿערצן fourteen
• ציילן to count
• קאָסטן to cost
• דער קרעמער (ס) storekeeper
• רחמנות האָבן [RAKhMONES] to take pity
• רע׳כענען (רעכן, רעכנסט, רעכנט, רע׳כענען; גערעכנט) to figure
• שווימען (געשווומען) to swim

דערטרינקען זיך (דערטרונקען) to be drowned
• הייסט: דאָס הייסט that is
דער הערינג herring
• וואָלט (*plus past participle*) would
• דאָס וואַסער water
ווײַטער next
• זיבן seven
זיכער certain
• חתונה האָבן [KhA'SENE] to get married
חתונה האָבן מיט to marry
• דער חתן (ים) [KhOSN— KhASA'NIM] fiancé, bride-groom-to-be
חתן־כּלה [KhOSN-KALE] bride and groom, engaged couple
• דער טײַך (ן) river
• טיף deep
• די יי׳דענע (ס) Jewess; *especially* a petty, sentimental, talkative Jewess
• יעדער each
• יע׳דערער each one; everybody
• די כּלה (—ות) [KALE— -S] fiancée, bride-to-be
כאַפּן to grab
כעלעם Khelem (town in Poland (*Official Polish spelling: Chełm*)

## QUESTIONS

1. פֿאַר וואָס האָט דער בחור מורא געהאַט? 2. וואָסער עצה האָט אים זײַן טאַטע געגעבן? 3. וואָס איז געשען, ווען ער איז געקומען צו דער כּלה? 4. וואָס האָט דער בחור געפֿרעגט בײַ דער כּלה וועגן ליבע? 5. וואָס האָט ער געזאָגט וועגן משפּחה? 6. וואָס האָט ער געפֿרעגט וועגן פֿילאָסאָפֿיע?

7. וואָס איז געשען אין כעלעם? 8. וואָס האָבן די כעלעמער ייִדן באַשלאָסן? 9. וואָס האָט די ייִדענע געקויפֿט? 10. וויפֿל האָט יעדער זאָך געקאָסט? 11. וויפֿל האָט געקאָסט אַלץ צוזאַמען? 12. וואָס האָט געמיינט די ייִדענע? 13. פֿאַר וואָס איז זי געווען זיכער, אַז זיבן מיט זיבן איז עלף?
14. ווי פֿאַרשטייט איר דאָס שפּריכוואָרט „עס ניט די לאָקשן פֿאַר שבת"?

## GRAMMAR

### 1. Numerals

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1 אײן, אײנס | 6 זעקס | 11 עלף | 16 זעכצן |
| 2 צוויי | 7 זיבן | 12 צוועלף | 17 זי'בעצן |
| 3 דרײַ | 8 אַכט | 13 דרײַצן | 18 אַכצן |
| 4 פֿיר | 9 נײַן | 14 פֿערצן | 19 נײַנצן |
| 5 פֿינף | 10 צען | 15 פֿופֿצן | 20 צוואַנציק |

### 2. One

In counting off *numbers as such,* אײנס is used for *one*:

אײנס, צוויי, דרײַ, פֿיר

But when *one object* is specified, the proper numeral is אײן. אײן is inflected exactly like a possessive adjective in the singular (see p. 131):

אײן מאַן, אײן פֿרוי, אײן קינד
גאָט איז אײנער; אַ מאַמע איז אײנע
אײנער פֿון די מענער; אײנע פֿון די פֿרויען; אײנס פֿון די קינדער

### 3. Periphrastic Verbs

| | |
|---|---|
| חתונה האָבן | פֿײַנט האָבן |
| ליב האָבן | רחמנות האָבן |
| מורא האָבן | |

Many Yiddish verbs, called *periphrastic,* consist of an invariable element and an auxiliary which is conjugated in all tenses. They are comparable to such English verbs as "to be afraid." זײַן, האָבן, and several others occur as auxiliaries in periphrastic verbs.

Note that the invariable element, like a complement, occupies the third fixed place in the sentence:

איך האָב ליב מײַן מאַמע; איך האָב זי ליב
איך האָב ליב געהאַט מײַן מאַמע; איך האָב זי ליב געהאַט
איך וועל ליב האָבן מײַן מאַמע; איך וועל זי ליב האָבן

### 4. מיינען and גלייבן

**מיינען** and **גלייבן** both mean *to believe.* If the emphasis is on the content of the opinion, on what is believed as opposed to something else that might be believed, the verb **מיינען** is used. This verb is always followed by an object clause beginning with **אַז.**

| | |
|---|---|
| איך מיין, אַז מיר דאַרפֿן גיין | I believe (think) that we ought to go |
| איך מיין, אַז עס איז קאַלט | I believe (think) that it is cold |

If the emphasis is on the firmness of the conviction, as opposed to disbelief, the verb **גלייבן** is used.

| | |
|---|---|
| איך קען עס ניט גלייבן | I cannot believe it |
| צי גלייבט ער אין גאָט? | Does he believe in God? |

Avoid using the verb **דענקען,** the cognate of "think," which in Yiddish denotes thinking only in a philosophic sense.

### 5. יעדערער and יעדער

| | |
|---|---|
| יעדערער פֿאַרשטייט עס ווי ער וויל | Everyone understands it as he wants to |
| איך קען יעדערע פֿון די מיידלעך | I know everyone of these girls |

The pronoun **יעדערער,** meaning *each one, everyone, everybody,* is inflected as follows:

| | MASCULINE | FEMININE |
|---|---|---|
| NOMINATIVE | יע׳דערער | יע׳דערע |
| ACCUSATIVE | יע׳דערן | יע׳דערע |
| DATIVE | יע׳דערן | יע׳דערער |

In referring to groups containing both men and women, the masculine form is used:

| | |
|---|---|
| איך האָב גערעדט מיט יעדערן פֿון די מענטשן | I have spoken with everyone of these people |

**יעדער,** used before nouns, means *each, every*. It is not inflected:[1]

| | |
|---|---|
| יעדער מאַן, יעדער פֿרוי און יעדער קינד | every man, every woman and every child |

---

[1] An alternate form of this pronoun is described in the synopsis of grammar, p. 313.

**6. Phrases with פֿיל**

ווי פֿילן?[2] how many, how much?
אַזוי פֿיל = אַזאַ סך so many, so much
צו פֿיל too many, too much
זייער פֿיל = זייער אַ סך very many, very much

Together with the above adverbs, the word פֿיל is used instead of אַ סך to denote *many, much*. With זייער, either word may be used.

**7. Mathematical Expressions**

+ פּלוס [PLUS], און, מיט
— מינוס
x מאָל
: געטיילט אויף
= איז, איז גלייך

8:2=4 אַכט געטיילט אויף צוויי איז (גלייַך) פֿיר

**8. Indirect Questions**

איך הער ניט, ווער עס רעדט I cannot hear who is speaking
זאָג מיר, ווער עס איז געקומען Tell me who came
איך ווייס ניט, וואָס עס וועט געשען I don't know what will happen

In indirect questions in which the interrogative pronoun (i.e. וואָס or ווער) is the subject, עס is inserted after the subject. This is not done, however, when the interrogative pronoun functions as a sentence unit other than the subject.

דו קענסט נעמען וואָס דו ווילסט You can take what you want
איך ווייס, וועמען צו רופֿן I know whom to call

## EXERCISES

A. Conjugate in the past, future, and imperative:

1. ליב האָבן די שול 2. רחמנות האָבן אויפֿן קינד 3. מורא האָבן.

B. Write four Yiddish sentences with מיינען and four with גלייבן.

C. Write out the following expressions in words:

| | | | |
|---|---|---|---|
| 2+14=16 | 8+7=15 | 10+1=11 | 19–17=2 |
| 2 × 4=8 | 3 × 5=15 | 16 : 4=4 | 8–1=7 |
| 12 : 6=2 | 12–4=8 | 2 × 9=18 | 10 × 2=20 |
| 12 : 2=6 | 4+3=7 | 14 : 7=2 | 9 : 9=1 |

---

2 Usually spelled ווifֿל.

D. Supply the proper forms of יעדערער or יעדער:

1. —— טאָג ברענגט נײַע זאַכן. 2. —— האָט געלייענט שלום־עליכמס מעשׂיות פֿאַר ייִדישע קינדער. 3. איך וועל רעדן מיט —— פֿון די טעכטער. 4. —— קינד דאַרף גיין אין שול. 5. איך וויל ווײַזן מײַן הויז —— פֿון אײַך. 6. צי האָט —— פֿאָלק זײַן לאַנד? 7. פֿון —— כעלעמער לאַכט מען. 8. ער וויל מיר דערציילן וועגן —— בוך וואָס ער לייענט. 9. אַ מאָל איז —— ייִדישער בחור געגאַנגען אין חדר, אָבער ניט —— מיידל האָט זיך געלערנט. 10. איך וועל —— פֿון אײַך געבן דאָס געלט, און זאָל —— טאָן מיט דעם, וואָס ער וויל.

E. Form complete sentences, making indirect questions of the clauses given in parentheses:

1. איך געדענק קיין מאָל ניט (וואָס חלומט זיך מיר?). 2. דערצייל מיר (ווער איז געווען בײַ דיר?). 3. ער האָט מיר געזאָגט (וואָס רעכנט ער?). 4. ענטפֿער מיר (ווער זײַנען די בחורים?). 5. חיים פֿרעגט (ווער האָט ניט ליב קיין ברויט?). 6. איך זע ניט (ווער קען אים העלפֿן?). 7. די קינדער הערן ניט (וואָס זאָגט איר זיי?). 8. איך האָב פֿאַרגעסן (ווער האָט געשריבן דאָס בוך?). 9. קיינער פֿאַרשטייט ניט (ווער האָט געקענט טאָן אַזאַ זאַך?). 10. איך בין געזעסן און האָב געקוקט (וואָס וועט געשען?).

F. Translate into Yiddish:

1. How much are (=cost) these books? 2. Each book is (=costs) three dollars. 3. I don't believe it. 4. I am afraid that they cost much (money). 5. (That is) I don't have that (=so) much money. 6. I hate to eat at home when my family is not there. 7. Have you heard that I will marry this girl? 8. I love her (you know). 9. Is she rich? 10. No, not too rich. 11. Is she beautiful? 12. Well, she is clever. 13. When a fool is silent, it is believed that he is clever. [*Proverb*] 14. Every fool thinks that he is clever. [*Proverb*] 15. A fool gives, a clever person takes. [*Proverb*] 16. A fool has a beautiful world. [*Proverb*] 17. Fools grow without (אָן) rain [*Proverb*] 18. A fool says what he knows and a clever [one] knows what he says. [*Proverb*] 19. When did this young man become engaged (=a bridegroom)? 20. It seems that Khane will become engaged (=a bride) soon. 21. I pity these poor people. 22. God, have pity upon

us. 23. I hate people who shout. 24. But I also don't like people who give advice to everybody. 25. The child was afraid, so it hid. 26. The students are supposed to count up to (=until) twenty. 27. When it is hot, we go swimming (*infinitive*) in the river. 28. The river is deep. 29. We fish (כאַפּן פֿיש) in the river. 30. What are you figuring? 31. When you get married, I will give you a gift. 32. He feels [as] good (*see p.* 124) as a fish in water.

## YIDDISH PROVERBS

Jewish folklore is of great interest not only to people studying Jewish culture, but also to students of comparative folklore. That there are similarities in the folklore of distant peoples is a well-known fact. But the more the actual processes of folklore diffusion are studied, the more the active role of the Jews as agents of diffusion is brought to light. Because of their wide dispersion and their participation in trade and commerce, both international and local, the Jews were for centuries in a position to carry popular lore from one Old-World country to another.

Yiddish folklore contains many elements adopted from other peoples. But even greater is the number of original Jewish proverbs, jokes, anecdotes, legends, and songs created in the Biblical and Talmudic tradition, as well as in the context of subsequent Jewish collective experience. Much of this is still unrecorded. Only a small part has, so far, been translated into other languages.

Yiddish proverbs deal with many subjects. They concern both everyday life and man's highest pursuits. Many of them are based on puns; some of them rhyme and are therefore not completely translatable into idiomatic English, as the examples below, and elsewhere in this volume, will show. But even in translation these proverbs retain some of their original peculiar flavor.

About human nature, for example, the Jews say: "What three people know is no secret."

Lack of imagination is criticized in the proverb: "A worm lying in horseradish thinks there is nothing sweeter in the world." Lack of moderation is the theme of this: "Show a pig a finger, and he will want the whole hand." About excessive readiness to criticize, the Jews say: "Don't show a fool unfinished work." The following are

some observations on the ways of life: "He who dances at all weddings will weep after all deaths"; "One needs luck even in bad luck"; "The cart rests in the winter, the sleigh in the summer, the horse never."

About faces the Jews say: "You can tell a fool by his face and a wise man by his eyes." About words: "Words should be weighed, not counted."

Regarding the frequent exposure of Jews to expropriation and expulsion, there is this proverb: "Jewish wealth is like snow in March."

And of an alternative to persecution, namely conversion to Christianity, the Jews say with their tongues in their cheeks: "A Jew is better off than a convert: he can still be converted, while a convert cannot."

## טום-באלאלײַקע

שטייט א בחור און ער טראכט,
טראכט און טראכט א גאנצע נאכט:
וועמען צו נעמען און ניט פֿארשעמען,
וועמען צו נעמען און ניט פֿארשעמען.

טום-בא-לא-לא, טום-בא-לא-לא, טום-באלאלײַקע,
טום-בא-לא-לא, טום-בא-לא-לא, טום-באלאלײַקע,
טום-באלאלײַקע, שפּיל באלאלײַקע,
טום-באלאלײַקע, פֿריילעך זאל זײַן.

מיידל, מיידל, כ'וועל בײַ דיר פֿרעגן,
וואס קען וואקסן, וואקסן אן רעגן?
וואס קען ברענען און ניט אויפֿהערן?
וואס קען בענקען, וויינען אן טרערן?

טום-בא-לא-לא . . .

נאַרישער בחור, וואָס דאַרפֿסטו פֿרעגן?
אַ שטיין קען וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן.
ליבע קען ברענען און ניט אויפֿהערן.
אַ האַרץ קען בענקען, וויינען אָן טרערן.

טום-באַ-לאַ-לאַ ...




אָן without
די באַלאַלײַקע balalaika
בענקען to long
דאָס האַרץ heart
וויינען to cry

די טרער (ן) tear
כ'וועל = איך וועל
נאַריש foolish
פֿאַרשעמען to humiliate
דער שטיין stone